"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
"המליכוני עליכם"

אידיש
מועתק מלשונו הזהב

מאמר ל"ה
חודש תשרי שנת תשפ"ה לפ"ק

## מזלא טבא

לכבוד האי גברא רבא ויקירא
רחים ומוקיר רבנן, לבו ער לכל דבר שבקדושה
**מוה"ר חיים נאה הי"ו**
מעמודי התווך

לרגל שהשמחה במעונו בנישואי בנו הבה"ח **מרדכי דוב** נ"ו בשעטו"מ
עב"ג הרה"ג רבי **יודא לייב ניימאן** שליט"א
מו"ץ ביהמ"ד הגדול ויואל משה סאטמאר מאנסי

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שיזכה לראות רב
תענוג ונחת דקדושה מבית חדש הנבנה הלוך וגדול,
ומכל יוצאי חלציו, ויזכה לשמח את נפשו בכל עת
ועידן עם רוב שמחה דקדושה, ואך טוב וחסד
ירדפנו כל ימי חיינו וכטו"ס אמן.


אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**


לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות
**קול דורשי יהודך**
**718-586-5199**
**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יהודך נומער 9


©
כל הזכויות שמורות


מכון דורשי יהודך
הפצת תורת מורנו הגה"צ רבי יעקב מאיר שכטר שליט"א


נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


וואס האט מען באשאפן ראש השנה?.......א
נישט גענומען בכלל אין חשבון.......ג
אונזער עבודה ראש השנה.......ה
נישט טראכטן וועגן עוונות.......ז
וואו איז מיין קאפ?.......ח
"לִרְגָעִים תִּבְחָנֶנּוּ".......י
פארוואס זוכסטו פרעמדע תיקונים?.......יא
יעדעס ריר פון א איד.......יג
נישט געהאט קיין צייט צו ווערן אין כעס.......יד
אריינגעברענגט א שמחה אין 'אצילות'.......טו
דער שורש פון רוב גייסטיש-קראנקע.......טז
זיך הרג'ענען צו לעבן.......יט
שטארקער ווי א ביקס.......כ
'מיין' וועלט!.......כב
מיט דער עצם אמונה אליין.......כג
דאס ניינציג יעריגער פרישער איד'ל.......כה
נישט געלאזט צורירן די פּאַנטאָפל.......כו
להמליכו מתוך ההעלמה דייקא.......כו


**חלק מהוצאות נתנדב**

**לע"נ שר הצדקות והחסד**

הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו

**(מייזעלס)**

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

ואחיו מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו

מוה"ר **פנחס וואלהענדלער** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מאמר ל"ה

## המליכוני עליכם

**וואס האט מען באשאפן ראש השנה?**

מען האט גערעדט וועגן דעם ענין מוצאי שבת, אז הגם די התחלת הבריאה איז געווען כ"ה אלול - אזוי שטייט אין **פרקי דרבי אליעזר**[א], עם כל זה האט די תורה הקדושה קובע געווען 'ראש השנה' זעקס טעג אריין אין דער בריאה, אין דעם זעקסטן טאג פון דער בריאה.

פארוואס?

ווייל א בריאה אין וואס עס איז נישטא ווער עס זאל ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף דער בריאה, הייסט נישט קיין בריאה[ב].

עס ווערט טאקע געבראכט, אדם הראשון, ביזן חטא האט ער ממליך געווען דעם אויבערשטן - אזוי שטייט אין **תיקוני זוהר**[ג]. ער

---

**א.** כן הוא החשבון על פי מש"ש פרק ז' שבכ"ח באלול נבראו חמה ולבנה.

**ב.** עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הפירות ה"ד, אות י': ועל כן מורגל הלשון בספרים **"בראש השנה נברא העולם"**, וכן אמרו רז"ל: **"בתשרי נברא העולם"**, וכן אנו אומרים "היום הרת עולם", "זה היום תחילת מעשיך" וכו', אף על פי שבאמת עיקר בריאת עולם היה **מכ"ה באלול עד ראש השנה** כמו שארז"ל. רק מחמת שבראש השנה נברא אדם הראשון שהוא עיקר העולם, כי כל העולם ומלואו הכל נברא בשביל האדם שהוא תכלית הבריאה, כי הכל נברא בשביל האדם כדי שיכיר קונו ויגדיל כבודו יתברך שבשביל זה נברא הכל כנ"ל, כי בכל הבריאה כולה אין מי שיוכל להכיר את מי שאמר והיה העולם ויגדיל כבודו יתברך כמו האדם. ועל כן האדם עיקר הבריאה וכמבואר בהתורה הנ"ל. ועל כן בראש השנה שנברא האדם נחשב כאילו כל הבריאה נברא אז, כי **האדם הוא עיקר כלל הבריאה** כנ"ל.

**ג.** דף צ' ע"ב.

האט געזאגט פאר דער גאנצער בריאה: "**בֹּאוּ, נִשְׁתַּחֲוֶה וְנִכְרָעָה נִבְרְכָה לִפְנֵי ה' עֹשֵׂנוּ**"[ד]. אין **פרקי דרבי אליעזר**[ה] שטייט נאך לשונות וואס ער האט געדרופן פאר דער גאנצער בריאה. ער איז געווען מורא'דיג גרויס, ער האט געוואוינט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט אזוי ווי איינער וואס האט א בית-ועליה[ו]. עס שטייט[ז]: "**וַיְהִי הָאָדָם לְנֶפֶשׁ חַיָּה**" - ער איז געווען דאס חיות פון אלע עולמות.

אט דאס איז א בריאה; אז עס איז דא איינער וואס זאל ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף דער בריאה, אט דאס איז א בריאה, אז נישט איז עס גארנישט[ח].

אזוי ווי די גמרא זאגט[ט]: "**המלמד את בן חבירו תורה כאילו יולדו**" "**כאילו עשאו**"[י]. דאס הייסט, אז ער האט נישט קיין תורה, ער האט נישט קיין אלוקות אין זיך, איז ער נישט קיין נברא, ער איז נישט קיין נברא, "**טַב הוא דלא איתברי**" (- טוב לו שלא נברא). האט ער אין זיך אלוקות, האט ער אין זיך 'דעת תורה', ערשט איז ער א נברא, ערשט איז וועדר זיין בריאה.

---

**ד.** תהלים צה, ו.

**ה.** פרק י'.

**ו.** אוה"ק בראשית ג, ד.

**ז.** בראשית ב, ז.

**ח.** עיין ליקוטי הלכות הל' הכשר כלים ה"ד, אות א': אף על פי שה' יתברך כבר ברא את כל הבריאה, אבל הכל נברא מחוסר תיקון כידוע, כי הכל נברא בשביל האדם, שהוא איש הישראלי, שהוא יעסוק בתיקון הבריאה ויהיה נחשב כאילו הוציא את הבריאה מכח אל הפעל כפי תיקון מעשיו על פי התורה הקדושה שבשביל זה נברא הכל, כי כל הבריאה בגין דישתמודעין ליה, כדי שיכירו וידעו אותו יתברך על כל דבר ודבר של הבריאה. **וכל זמן שאין אדם לעסוק בזה, אזי נחשב כל הבריאה לתוהו ובוהו.**

**ט.** סנהדרין יט:

**י.** עיין גמ' שם דף צט:

## נישט גענומען בכלל אין חשבון

יצחק אבינו האט געבענטשט יעקב'ן: "**וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים**"[יא]. זאגט דער מדרש[יב]: "**ויתן לך אלקותו**" - 'דער אויבערשטער זאל זיין ביי דיר', ערשט ביסטו עפעס. אט דאס האט ער אים געבענטשט, 'דער אויבערשטער זאל זיין ביי דיר אין מח תמיד'. אט דאס איז א ברכה וואס איז כולל אלעס אין דער וועלט, די וועלט מיט יענער וועלט, אלעס[יג].

עס איז דא אַן אינטערסאנטער **זוהר**[יד]. עס שטייט ביי רבקה[טו]: "**וְהִנֵּה תוֹמִם בְּבִטְנָהּ**". זאגט דער זוהר, ווער זענען די "תומים בבטנה" - ווער זענען די צווילינג? זאגט ער, "יעקב אבינו". ווייל יעקב אבינו האט געהאט צוויי נשמות, איין נשמה 'מבחינת אברהם', און איין נשמה 'מבחינת יצחק', עס איז א צווילינג, אזא חידוש איז ער

---

**יא.** בראשית כז, כח.

**יב.** פסיקתא רבתי פרשה א'; ילקוט שמעוני בראשית כז.

**יג.** עיין אוסף מכתבים (חלק ג' מכתב רנ"ה) וז"ל מורינו שליט"א: תאמין לי חביבי וידידי כי כפי מה שעבר עלי אשר כשל כח הסבל, אשר אין בי כח לישא את עצמי לבד, ומכל-שכן את טפלי שיחיו, ואני נושא עיני למרום ומצפה לישועתו בכל עת ורגע, אעפ"כ זה ריוח גדול אצלי כל תנועה של עזר שאני יכול לעשות, ולהיות נטפל לעושי מצוה ולמען כבודו יתברך – זה אצלי ריוח גדול בעולם הזה, כי סוף כל סוף לא באנו לזה העולם כי אם להמליכו ולייחדו, ובפרט על ידי קדושת זיקוקין דנורא תורת רביה"ק, שעל ידו מקבלין סוד היחוד העליון באמונה פשוטה וצחה, כמובא בליקוטי מוהר"ן (סימן יוד), שהצדיק הוא קוצא דאות דלת דאחד.
והיינו שעיקר סוד שלימות האמונה הקדושה בו יתברך – שהגחתו העליונה ית"ש שופעת עד אין קץ ואין תכלית, והכל מתנהג על ידי השגחתו יתברך לבד בלי שום שיתוף כלל. ואם שבתוך הקליפות העולם הזה אי אפשר לעיין בזה, כמובא בסימן ס"ב בסוד "עולימתא שפירתא דלית ליה עיינין" (סבא משפטים דף צ"ה) – שהכלל ישראל אינן מעיינים בהקושיות המדומות, כי אם מאמינים שהכל מאתו ית"ש לבד לבד, שהדבר הזה יתגלה לעתיד לעיני כל הפלא ופלא שהכל היה מאתו לבד, וכל הקושיות לא היו כי אם הסתרות כאלו מצד הקליפות.

**יד.** פר' יתרו דף ע"ח ע"ב.

**טו.** בראשית כה, כד.

געוועןָ. [עס ווערט געבראכט, יצחק האט געהאט אזא הייליגע נשמה, אז כלל נשמות ישראל ווערן דאך אנגערופן "בנים למקום", אבער עס זענען דא נשמות וואס זענען אזוי הויך, וואס רופן זיך "אחים ורעים למקום"]. איז יעקב אבינו האט געהאט צוויי נשמות, נשמת אברהם, ונשמת יצחק, דאס איז א גוטער צווילינג, א 'תאומים' - א צווילינג.

איי וואס איז מיט עשיו'ן? דערפאר טאקע שטייט נישט '**תאומים**', עס שטייט אָן קיין אלף, ווייל עס איז געוועןָ א חסרון דארטן, עס איז געוועןָ אַן עשיו, ער איז דער חסרון פון דער בריאה, דער חורבן פון דער בריאה, ער גייט גארנישט אריין אין חשבון אינגאנצן.

די 'בריאה' איז - יעדער מענטש ביי זיין בריאה; אז דער אויבערשטער העלפט, עס דרייט זיך דא א מענטש וואס ער האט א הייליגן מח, ער האט א 'דעת תורה', הייליגע מחשבות, הייליגע השתוקקות, אט דאס איז "א מענטש"! אלע עולמות ווארטן אויף זיין תיקון! עס איז כדאי אז אלע עולמות זאלן באשאפן ווערן פאר אים! ער איז דער תיקון פון אלע עולמות! דאס איז די העכסטע זאך וואס איז נאר דא אויף דער וועלט! "מעשה אדם - תכלית הבריאה"[טז], "סוף מעשה במחשבה תחילה".

אט דאס איז דער ריכטיגער אדם; ווייל "אדם", שטייט[יז], האט צוויי טייטשן, "**אדָמָה**", און "**אֶדַּמֶּה לְעֶלְיוֹן**"[יח]. מען קען זיין "אדַמה

---

**טז.** עיין גמ' סנהדרין דף ל"ח ע"א למה נברא האדם בערב שבת דייקא.

**יז.** עיין דרושי הצל"ח דרוש כ"ה ליום א' של סליחות, אות ה', וזל"ש: ואומר אני האדם נקרא אדם לשני בחינות, האחת מצד רוממותו וחשיבותו מצד נשמתו, כי היא חצובה מתחת כסא כבודו, ועל הכסא דמות כמראה אדם, ולכן נקרא האדם אשר נשמתו משם חצובה בשם זה אדם, "**אדמה לעליון**" כביכול, הצדיקים מדמים הצורה ליוצרה. והבחינה השנית נקרא אדם מצד שפלת חומרו, כי לוקח מן האדמה ונקרא על שם **האדמה** אשר לוקח משם.

**יח.** ישעי' יד, יד.

לעליון", ממש א דמות פון א מרכבה לשכינה, א דמות פון עליונים גרעסער ווי מלאכים[יט].

## אונזער עבודה ראש השנה

דער **רבי** זאגט[כ]: ראש השנה קומען זיך צונויף דריי ראשים; **ראש** השנה, און דער צדיק וואס ער איז דער "**ראש** בני ישראל", און דער "**ראשו** של כל אחד ואחד", אט די דריי ראשים קומען זיך צונויף ראש השנה.

בפרט אז אונז ווייס מיר פון דעם צדיק וואס האט געזאגט: "**דער רבונו של עולם האט מיר געגעבן במתנה אז איך זאל וויסן וואס איז דאס ראש השנה!**"[כא] - דאס איז א מתנה וואס דער אויבערשטער האט מיר עס געגעבן.

ווער האט א השגה אין דעם דיבור וואספארא מין השגות אלקות דאס איז?!

אז דער אויבערשטער האט אים דאס געגעבן במתנה איז דאך דא אסאך ארומצורעדן וועגן דער זאך.

---

**יט.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א' אות א': כי איש הישראלי נברא שיהיה לו ממשלה על המלאכים וכו' עיין שם.

**כ.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' צ"ד: שמעתי מפיו הקדוש, שהיה כתוב אצלו תורה על ענין ראש השנה, שצריכין לנסוע לצדיקים על ראש השנה. **והיה מבואר שם מענין שלשה ראשים שמתקבצין בראש השנה**, כשזוכין אז להיות אצל הצדיק. כי הצדיק הוא בחינת ראש, כי הוא ראש בני ישראל, וראש השנה הוא גם כן בחינת ראש, כי הוא ראש השנה, וכל אחד בא עם מוחו ודעתו להצדיק ומקשר דעתו ומוחו שבראשו, שזהו גם כן בחינת ראש, להצדיק שהוא ראש בני ישראל, בראש השנה, נמצא שנתקבצו שלשה ראשים יחד. והיה לו בזה תורה שלימה, ולא זכיתי לקבלה.

**כא.** עיין חיי מוהר"ן אות ת"ה: ענה ואמר: הראש השנה שלי הוא חידוש גדול. והשם יתברך יודע שאין הדבר הזה בירושה מאבותי, רק השם יתברך נתן לי זאת במתנה שאני יודע מהו ראש השנה. לא מבעיא אתם כולכם בודאי תלויין בראש השנה שלי, אלא אפילו כל העולם כולו תלוי בראש השנה שלי.

אבער עם כל זה, מען זעט דאך ווי **רבי נתן** אין ליקוטי תפילות נעמט אלץ די תורות און פירט עס אריין אין מויל לעובדא ולמעשה.

טאקע די שיחה אז ראש השנה איז דער ענין פון "שלשה ראשים" - 'ראש השנה', און 'ראש של כל אחד', און דער 'ראש צדיק'. דער עיקר וואס קומט אויס פון דעם לעובדא ולמעשה איז, די ארבעט פון ראש השנה איז צו מאכן א גוטע התחלה, א שטארקע התחלה, א התחלה וואס זאל נמשך ווערן לעולם צו עוסק זיין אין תיקון המח און תיקון המחשבה[כב].

עס שטייט פון **בעל שם טוב**[כג]: אין דער זאך פון ריינע מחשבות, פון תיקון המח, דארף מען האלטן אין איין עוסק זיין 'עד יום מותו', מען דארף האלטן אין איין ארבעטן אויף דעם!

אט דאס וואס מען איז קונה דורכן ארבעטן אויפן "סור מרע" פון דעם מח און אויפן "עשה טוב" פון דעם מח, דאס איז כמעט דער תיקון המוח וואס איז "זה כל האדם"[כד].

---

**כב.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רי"א: מה שהעולם נוסעין על ראש השנה לצדיקים, כי עיקר המתקת הדינין אינו אלא על ידי קדושת וטהרת המחשבות, כי שם שרשם. (כמובא בזוהר): "כולא במחשבה אתברירו". ואי אפשר לבוא למוחין זכים אלא על ידי התקשרות לצדיקים, (כמובא) בזהר: "ויקח משה את עצמות יוסף", 'משה הוא בחינת מוחין, ויוסף הוא בחינת צדיק'. היינו שאין שלימות למוחין אלא על ידי התקשרות לצדיקים. וראש השנה הוא מקור הדינים של כל השנה, וצריך לטהר את מחשבתו כדי להמתיקם, ובשביל זה נוסעין לצדיקים כדי לזכות לקדושת המחשבה, ע"כ. עיין התפילה על זה בליקוטי תפילות סי' ע"ו.

**כג.** עיין דברי יחזקאל פר' עקב: שמעתי שהיה בימי **הבעש"ט הקדוש זי"ע** איש מפורסם ושאלו תלמידיו הקדושים אותו אם ליסע אליו לראות מה טובו. והרשה להם ליסע. ושאלו אותו היכן ידעו אם הוא צדיק אמת. ואמר להם שיבקשו מאתו עצה על מחשבות זרות ופניות ואם יתן להם עצה ידעו שאין בו ממש, **שעל דבר זה צריך האדם ללחום עד רגע האחרונה וזה עבודת האדם בעוה"ז ללחום עם מחשבותיו לעושת הכל לשמו יתברך**.

**כד.** עיין ליקוטי עצות ערך 'מחשבות והרהורים' אות ה' (ע"פ ליקו"מ סי' מ"ט): **כל תיקון האדם וקלקולו, חס ושלום, הכל תלוי במחשבה שבלב**, כי עיקר היצרין הם המחשבות והחכמות שבלב, כי מחשבות טובות הם יצר טוב ומחשבות רעות הם יצר הרע.

דער מענטש דאס איז דער מח, נישט אנדערש; איז דער מח א הייליגער מח, זענען זיינע אלע רמ"ח איברים 'משער ראשו עד צפרני רגליו' א מרכבה לשכינה[כה].

'תיקון המח', אט דאס דארף מען איינקויפן גאר שטארק ביי יעדן דאווענען, און ביי דער המלָכה וואס מען איז ממליך דעם בורא עולם.

## נישט טראכטן וועגן עוונות

ראש השנה איז צוויי זאכן: מצד דעם אויבערשטן (איז עס א 'יום הדין'), ומצד אונז איז עס א 'יום המלָכה'. מען זאגט טאקע נישט קיין וידוי ראש השנה[כו], נאר מלכיות זכרונות שופרות, די ברכת היום, מעריב, קידוש, שחרית, מנחה. ראש השנה איז 'מלכיות', עס איז א יום המלָכה, א יום וואס מען איז ממליך דעם אויבערשטן "**מֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ**".

דערפאר, דאס איז די שמחה פון ראש השנה. דער פסוק זאגט[כז]: "**אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים וכו' וְאַל תֵּעָצֵבוּ כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם**" - זייט פרייליך, עסט און טרינקט אויף די שמחה וואס מיר האבן אויף דעם זכות פון ממליך זיין דעם בורא עולם אויף דער בריאה.

עס איז א יום המלָכה טאקע מיט די דיבורים פון ראש השנה, מיט די ווערטער, מיט די פיוטים, מיט דעם דאווענען, אט דאס איז די

**כה.** עיין ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ו, אות כ': **עיקר תיקון המרכבה הוא על ידי תיקון המחשבה שבמח**, כמובן בתיקונים שמחשבות רעות הם בחינת חיות טמאות ומחשבות קדושות הם בחינת חיות שבמרכבה אריה, שור, נשר וכו' ואדם רכיב על כולהו, עיין שם. כי כל אחד מישראל צריך שיהיה מרכבה לשכינה, כמו שארז"ל: "הצדיקים הם מרכבתו של ה' יתברך". והעיקר על ידי קדושת המחשבה, שהוא עיקר האדם, שעל ידי זה נכללין בבחינת "אדם היושב על הכסא", שהוא עיקר המרכבה. על כן כשמקשר מחשבתו יחד אליו יתברך שלא תצא לחוץ מהקדושה ח"ו, על ידי זה הוא בחינת קשר המרכבה.

**כו.** עיין מטה אפרים סי' תקפ"ד אות י"א.

**כז.** נחמי' ח, י. פסוק זה נאמר על ראש השנה עיי"ש.

המלְכה פון ראש השנה, ממליך זיין דעם אויבערשטן. מען דארף אפילו גארנישט טראכטן וועגן עוונות, וועגן קיין איין זאך נישט, נאר ממליך זיין דעם אויבערשטן.

כל שכן, עס זאל זיין "**ויתן לך אלקים**", אריינברענגען דעם רבונו של עולם אין מח, אט דאס איז די ארבעט פון ראש השנה.

ביים אויבערשטן איז עס א יום הדין, ביי אונז איז עס א 'יום המלְכה'; אז מיר זענען אים ממליך, דאס איז שוין ממתיק אלע דינים.

**וואו איז מיין קאפ?**

דער רבי זאגט אין **תורה ל"ח**[כח], [דער רבי זאגט עס נישט ארויס, אבער מען זעט אז דער רבי טייטשט עס אפ]: "**כי צריך כל אדם לפשפש את עצמו בכל עת אם הוא דבוק בהשי"ת, והסימן של דביקות הוא תפילין**". תפילין איז דאך א לשון פון "**נַפְתּוּלֵי אֱלֹקִים נִפְתַּלְתִּי**"[כט] (- לשון התחברות). קומט אויס פון רבי'ן דארט, דער "**חייב אדם למשמש בתפילין בכל שעה**"[ל] דאס גייט אויפן מח[לא].

ווייל דער פנימיות הביאור אויף דעם חז"ל איז; א מענטש דארף זיך אלעמאל בודק זיין זיין מח - 'אַוואו איז מיין מח? ווי טראכט איך? בין איך דבוק אין אויבערשטן? טראכט איך פון די תורה הקדושה? טראכט איך פון מידות טובות, פון 'סור מרע', פון 'עשה טוב'? אוואו איז מיין מח? איך האב א הייליגן מח? איך האב אינזין דעם אויבערשטן? איך האב אינזין מצוות עשה און הייליגע זאכן?!'. און אפילו אויב מען טוט א גשמיות'דיגע זאך און איך האב אינזין

---

**כח.** בליקוטי מוהר"ן, שם אות א'.

**כט.** בראשית ל, ח. עיין רש"י מה שכתב שם, מנחם בן סרוק פירשו במחברת צמיד פתיל **חבורים** מאת המקום, **נתחברתי** עם אחותי לזכות לבנים.

**ל.** גמ' מנחות דף ל"ו ע"ב.

**לא.** עיין ליקוטי עצות ערך תפילין אות ו' (ע"פ ליקו"מ תני' סי' ה'): כפי מה שמתגברין לשבר הרהורי נאוף, כן זוכין לקדושת התפילין.

עס זאל זיך אויספירן א הייליגע זאך, איז דאס אויך זיכער א הייליגער מח.

אבער אַוואו איז מיין מח - דער קאפ?!

דער **בעל שם** זאגט[לב], און דער **רבי** זאגט[לג], "וואו א מענטש טראכט - דארטן איז ער ממש!" דארטן איז ער ממש!

וואו איז מיין מח?!

אז מען טראכט פון רבונו של עולם, מען טראכט אין לערנען, אז א מענטש דאווענט, איז מען דבוק אין אויבערשטן, מען איז דבוק אין דער הייליגער תורה.

דער **רבי** זאגט[לד]: אז מען זאל מדַבק זיין דעם מח מיט דעם הארץ אז עס זאל זיין קשור צו דעם דיבור, ווערט מען א מרכבה לשכינה.

אז איך רעד צום אויבערשטן, איך דאנק דעם אויבערשטן, איך בעט דעם אויבערשטן, 'דו ביסט דאך מיין גאט, איך האב דאך נישט קיין אנדערן - נאר דו קענסט מיר העלפן!' דעמאלס איז מען א מענטש!

אז מען לערנט תורה, האט מען דעם אויבערשטן אין זיך, מען איז דבוק אין אויבערשטן דורך דער תורה, **"התורה היא כולה שמותיו של הקדוש ברוך הוא"**[לה]. אדרבה, מען האט השגות וואס מען קען אפילו נישט משיג זיין, מען האט דאס געדארפט מלביש זיין אין הויות דאביי ורבא.

---

**לב.** עיין בעש"ט עה"ת פר' נח - עמוד התפילה, במקור מים חיים הערה ל"א.

**לג.** ליקוטי מוהר"ן סוף סי' כ"א: עיקר האדם הוא השכל, ועל כן במקום שחושב השכל, שם כל האדם.

**לד.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ח הנ"ל בסופו מה שפירוש שם רבינו עה"פ "מרכבות פרעה", כי תפילין נקרא מרכבות, וכו' עיין שם.

**לה.** זוה"ק יתרו דף פ"ז ע"א, ועוד.

דורך דער תורה איז מען דבוק, "**מאן דאחיד באורייתא, אחיד בקודשא בריך הוא**", דעמאלס איז מען א מרכבה לשכינה! מען איז "אחיד" יעדע רגע, וואו נאר מען איז!

אוואו בין איך?!

אוואו בין איך?!

בין איך ביים אויבערשטן, אדער ביי דער סטרא אחרא?!

## "לִרְגָעִים תִּבְחָנֶנּוּ"

חלילה אז א מענטש טראכט תאוות צו מידות רעות צו שלעכטע זאכן - זאגט דער רבי אין **ליקוטי מוהר"ן** אין תורה מ"ט[לו]: "אז מען טראכט שלעכטע מחשבות איז מען מטמטם כל הבריאה, ער איז דבוק אין חורבן לגמרי". מען ליגט אין שאול תחתיות, עס איז "טב ליה דלא איתברי".

עס שטייט[לז]: "**לִרְגָעִים תִּבְחָנֶנּוּ**"; דער אויבערשטער איז בוחן א מענטש יעדע רגע וואו איז ער, צו אין דער קדושה, צו אין דער טומאה[לח].

---

**לו.** אות א', וזל"ש בקיצור (מתוך ספר ליקוטי עצות): כשאדם חושב מחשבות רעות שהם טפשות הלב הוא מטמטם את הלב בבחינת ערלת לב, ובזה הוא מטמטם בחינת החלל של הבריאה **ונחשב כאילו החריב את העולם.** אבל כשחושב מחשבות טובות זהו בחינת תיקון הבריאה, ועל ידי זה שמטהר הלב ומגרש ממנו המחשבות רעות וחושב מחשבות טובות, יזכה לעשות נסים ומופתים בעולם.

**לז.** איוב ז, יח.

**לח.** עיין גמ' ראש השנה דף ט"ז ע'א. גם עיין ספר עלים לתרופה (מכתבי מוהרנ"ת) במכתב מיום א' לך לך תקצ"ג מש"ש לבנו בזה"ל: וזאת תזכור מה שדיברנו בסמוך מפסוק (איוב ז) "**לרגעים תבחננו**", כי כן הוא האמת, שהאדם נבחן בנסיונות בכל רגע, ואין רגע דומה לחברתה, על כן בכל רגע יכולין לזכות הרבה ולחטוף טוב הרבה ולברוח מרע הרבה המתגבר ומתעורר בכל רגע, כי אנשים כערככם המלחמה היא בכל עת ורגע ממש, ובפרט בענין ההשלכה והנפילות רחמנא לצלן שרוצה להשליך ולהפיל את האדם בכל עת, וצריכין התחזקות הרבה והתעוררות הרבה בכל עת ובכל שעה. **ולפעמים בכל רגע.**

אט דאס איז דאס גאנצער נצחיות וואס בלייבט פון אונז, דאס זיין דבוק צום אויבערשטן, דבוק צו מצוות, דבוק אין דער תורה הקדושה, דבוק אין הייליגע דיבורים, צו תורה, צו תפילה, צו דעם ליקוטי מוהר"ן, צו די ליקוטי תפילות, צו דעם תהלים, צו הודאות, נאר דאס בלייבט.

אז עס ווערט א חורבן, ווער ווייסט וואס ער וועט דארפן אלץ אפקומען אין גיהנום ביז מען וועט דאס אפמעקן. עס שטייט פון **בעל שם טוב**[לט]: א מענטש זאל וויסן, טראכט ער תאוות, ליגט ער 'בין השידין והלילין'; און כפי וואס ער האט געטראכט וועט ער ליגן ביי זיי אין די הענט. די צרות וואס ער וועט האבן פון זיי, ווער ווייסט ווען ער וועט קענען ארויסגיין פון זיי רח"ל - דער אויבערשטער זאל אפהיטן אויב ער טוט נישט קיין תשובה.

## פארוואס זוכסטו פרעמדע תיקונים?

דער הייליגער רבי זאגט א זאך, וואס דער אמת איז, עס איז א דבר כולל ביי אלעס, אבער דאס איז די (עיקר) ארבעט ראש השנה: 'מתקן זיין דעם **עָבר** און זיך פאָרנעמען א גוטן **עתיד**'.

די זאך איז א כלל ביי אלצדינג, דאס איז א תיקון אויף אלעס, אבער עם כל זה האט דאס דער רבי אנגעכאפט אין **תורה כ"ז**[מ] דווקא ביי מחשבה.

---

**לט.** עיין בספר לקט אמרי פנינים (קאמארנא) אות כ"א, וזה לשונו שם: **שמעתי מפורש מפי מורי במקום שחושב האדם שם הוא כולו**, אם חושב בקדושה במציאות השם יתברך וביחודי שמותיו, דיוקנא שלו שלים קמי עתיק יומין, כי שם הוא כולו, **וכן המהרהר הרהורים רעים וקשים, עומד ממש בגיהנם, ואש של גיהנם ממש בוער בו, והוא בחייו בשאול תחתית, מכל שכן אחר מותו, ירדו שאול חיים.** וצדיקים ישמחו בשמח"ה אותיות מחשב"ה יעלצו לפני אלקים.

**מ.** עיין שם אות ח', בביאור המאמר פליאה של סבי דבי אתונא (בכורות ח:) "רציצא דמיית בביעותה, היכא נפק רוחא? אמר להו, בהיינו דעאל". וז"ל רביז"ל שם בסופו: ואיך מפיק ומוציא ניצוצי הקדושה שנפלו על ידי פגם הברית? ואמר להם: **"בהיינו דעאל"**, בזה שנכנס

דער רבי זאגט דארט: "**בהיינו דעאל**"; בשעת עס קומט אריין ביי א מענטשן מחשבות זרות. ווייל דאס קען קיינמאל נישט זיין אז עס זאל נישט אריינגיין ביי א מענטשן מחשבות זרות, א מענטש האט זייער אסאך זוהמה פונעם 'דור המבול', און עס קען נישט זיין אז עס זאל נישט זיין קיין מחשבות זרות[מא].

זאגט אבער דער רבי, בשעת עס קומט אים א מחשבה זרה, און ער איז ממליך דעם אויבערשטן 'בסתר ובגלוי' - 'כ'וויל נישט טראכטן די מחשבה, כ'וויל עס נישט טראכטן, איך וויל נישט נהנה זיין פון דעם, כ'וויל ענדערש טראכטן ווי ווערט מען אַן ערליכער איד'. [אפילו איך קען נישט דוחה זיין דער מחשבה רעה בידים, אבער איך בין ממליך דעם אויבערשטן מיט דעם וואס איך וויל עס נישט טראכטן; אז מען איז דאס נישט ממשיך צו טראכטן, וועפט דאס אויס.] דורך דעם, זאגט דער רבי, נעמט מען ארויס אַן אנדערע מחשבה וואס מען האט געטראכט במזיד, וואס מען האט גענומען דעם הייליגן מח און מען האט עס אריינגעווארפן אין שאול תחתיות, מען האט דורכדעם אריינגעווארפן 'חלקי הקדושה' אין דער סטרא אחרא. אבער מיט דעם וואס א מענטש האט א מחשבה רעה און ער צוברעכט עס, נעמט ער ארויס זיינע אלע מחשבות פון דער סטרא אחרא און עס ווערט נהפך למפרע, עס איז חשוב ווי גלייך ער האט געהאט א מחשבה טובה, נישט קיין מחשבה רעה.

דאס איז אזוי ווי 'התרת נדרים'; עס איז נישט פשט אז מען האט תשובה געטון און מען האט דאס מיפר געווען, נאר עס איז כאילו עס וואלט קיינמאל נישט געווען אזא זאך![מב].

---

בו רוח. היינו בזה שנכנס בו רוח שטות, היינו **הרהורי** זנות, והוא משבר תאותו, בזה הוא מפיק ומוציא ניצוצי הקדושה של פגם הברית, כי זה הוא בחינת **תשובת המשקל**.

**מא.** עיין גמ' ב"ב קסד ע"ב.

**מב.** עיין גמ' כתובות דף ע"ד ע"ב ההפרש בין הפרת הבעל לְהַתָּרַת החכם, שהתָּרה היא שהחכם עוקר הנדר מעיקרו ולמפרע והוה כאילו לא נדרה מעולם. גם עיין ליקוטי הלכות הל' נדרים ה"ד אות ז' מה שמבאר שם מענין התרת נדרים על ידי חרטה אשר מזה יכולין

דאס איז א כלל אין אלע תיקונים. עס קומען ארויף ביי מיר אסאך מאל מענטשן בעטן "תיקונים" "תיקונים". וואס זוכסטו תיקונים?! די תיקונים מיט די רפואות נארן אפ מענטשן! מיט איין פארמאך די אויגן ווי מען דארף, האסטו פאררעכטן פריערדיגע - - אמאל צען, אמאל צוואנציג, כפי דעם נסיון.

אז א מענטש האט א נסיון, וואס מער דער יצר הרע ברענט, וואס מער דאס הארץ איז פארשטאָפּט, וואס מער דער מח זיינער איז פארשטאפט, און ער ארבעט אויף זיך, ער איז ממליך דעם אויבערשטן אויף זיך בתוך ההעלמה, קען ער זוכה זיין אז דער אויבערשטער זאל אים דורך דעם מוחל זיין אלע זיינע עוונות!

**ממש פשוטו כמשמעו!**

זוכסט דיך פרעמדע תיקונים?!

דו האסט דאך די תיקונים אין די הענט!

זיי ממליך דעם אויבערשטן אויף דיר "**בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ**"[מג], פאררעכט דעם 'עבר'.

נעם נישט דעם 'עבר' און צוברעך דעם 'עתיד', נאר נעם דעם 'עתיד' און פאררעכט דעם 'עבר'!

## יעדעס ריר פון א איד

עס שטייט אין **פלא יועץ**[מד], אז עס פאלט איין א מענטשן א שלעכטע מחשבה, זאל ער רעדן צו זיך - צו דער מחשבה: "וואס דארף איך טראכטן מחשבות און אריינברענגען א טומאה אין קודש

---

להבין עוצם חסדי השם עד אין סוף ואין תכלית ואין שום יאוש בעולם כלל, עיין שם בפנים.

**מג.** דברים ל, יד. ועיין פי' הרמב"ן עה"ת שם שמפרשו על ענין התשובה הנזכרת שם למעלה.

**מד.** עיין שם ערך 'ברך לבב', וערך 'מחשבה'.

הקדשים?! לאמיך בעסער טראכטן ווי ווערט מען אַן ערליכער איד, זיך נעמען צום לערנען, זיך מאכן סדרים אין לערנען, טראכט עצות אין עבודת השם, עצות אין 'סור מרע', עצות אין 'עשה טוב', וועסטו דאך האבן שכר פאר דער עצם מחשבה אליין! א שאד די צייט אז אנשטאט הייליגע מחשבות זאלסטו האבן טריפה'נע מחשבות וואס ווער ווייסט ווען דו וועסט פטור ווערן דערפון?!".

עס שטייט טאקע פון דעם **אור החיים הקדוש**[מה], אויף די ענינים פון מחשבה דארף מען זיין א זריז. דאס וואס קומט אליין אריין דאס איז נישט 'תלוי בידינו', אבער ווי נאר דו דערמאנסט זיך אז די מחשבה איז נישט גוט, גלייך וואס גיכער זיי מסיח דעת, אנטלויף פון דעם, טראכט הייליגע זאכן, אט דאס איז די ארבעט, דאס איז דער תיקון.

ווייל א שונא וואס איז פונדערווייטנס, איז ער טאקע מיך נישט מזיק, אבער איך בין אים אויך נישט מזיק; איז ער אבער צוגעקומען צו מיר, קען איך אים דערלאנגען און אים אוועקגע'פטר'ן...

בכח דעם וואס מען איז מכניע דער רע איז מען מבטל מורא'דיגע קטרוגים, מען רייניגט אויס נישט נאר זיך, נאר עולמות עליונים רייניגט מען אויס! ווייל מיט יעדעס ריר וואס א מענטש טוט, בויגן זיך עולמות, 'בין לרע ובין למוטב'[מו].

## נישט געהאט קיין צייט צו ווערן אין כעס

דער **רמ"ק** זאגט אין א פלאץ, משה רבינו אפילו עס איז דאך געוועז די גרעסטע מחלוקת'ן אויף אים וואס איז נאר געוועז, און

---

מה. עיין בפי' עה"ת ויקרא, יח, כ.

מו. עיין חיי מוהר"ן אות תק"ד: מענין הפלגת גדולת האדם אמר: כשהאדם עושה כך בידיו נעשה כך בכל העולמות, וכשעושה כך בידיו נעשה כך בכל העולמות. ואמר בזו הלשון: **וואס טייטש א מענש, אז ער טוט אזוי א מאך מיט דער האנד, ווערט אזוי גיטאן אין כל העולמות, אין אז ער טוט אזוי א מאך מיט דער האנד, ווערט אזוי גיטאן אין כל העולמות.** גם עיין שם אות תק"ה.

אלעמאל איבער א נייעס, 'מי מריבה', מיט 'קרח', מיט די 'מתאוננים'. זאגט ער, אלעמאל ווען מען פלעגט רעדן אויף אים, [אוודאי האט ער געטון וואס מען דארף להטבת ישראל, אבער] 'בינו לבין קונו' איז ער געווען אזוי דבוק צום אויבערשטן, אז ער האט געטראכט צו זיך, 'ווי קען איך זיך אפרייסן מדביקת בוראי און עוסק זיין צו מען רעדט אויף מיר צו מען רעדט נישט אויף מיר?! דאס איז דאך אזוי טייער - דאס זיין דבוק אין בורא עולם, וואס איז א גרויסער חילוק וואס יענער רעדט, צו וואס יענער זאגט?!'[מז].

מען קען דאך זיין דבוק אין בורא עולם אויף דער וועלט, וואו איז דא א גרעסערע זאך ווי דעם?! - דארף מען זיין עסוק אין דברים פחותים צו מען לאכט יא פון מיינע סברות צו נישט, עס איז דאך 'חבל על הזמן', פארוואס זאל איך דאס פארבייטן צו ווערן אין כעס און ווערן אויפגערעגט, האבן קפידות, ווען אין די זעלבע צייט קען איך זיין דבוק אין בורא עולם?! – אזוי זאגט דער רמ"ק, ער נעמט דאס ארויס פון א מדרש צו פון א זוהר.

## ארייגעברענגט א שמחה אין 'אצילות'

מען זעט טאקע, די זאך איז אַן עבודה תדירית, מען דארף דאס קונה זיין מיט אסאך 'דיבור', דאס איז דאך דעם רבינ'ס זאך - אסאך דיבור, אסאך תהלים, אסאך תורה, אסאך רעדן הייליגע דיבורים, האבן אסאך התבודדות צום אויבערשטן, רעדן ביז דער דיבור זאל משפיע זיין, עס זאל אריינגיין, "**וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ**"[מח].

די זאך איז אַן עבודה תדירית, ממש אַן עבודה תדירית, שמירת הדעת, שמירת המחשבה, דאס איז דער גאנצער מענטש, "**זה כל האדם**", אט דאס איז דער מענטש.

---

**מז.** עיין 'דגל מחנה אפרים' פרשת עקב, ו'אורח לחיים' פר' בהעלותך בשם המגיד ממעזריטש זצ"ל.

**מח.** דברים ד, לט.

האט מען א ריינעם מח, מכל שכן אז דער אויבערשטער העלפט א מענטש אז ער איז דבוק אין תורה, אין תפילה, אין עבודה, אז ער איז פרייליך דעמאלס, איז ער ממתיק מורא'דיגע דינים. א מענטש וואס איז דבוק אין דעם אויבערשטן, רירט ער עולמות עליונים! אז ער איז דעמאלס פרייליך, מאכט ער פרייליך אלע וועלטן!

דער **רבי** זאגט[מט]: "אז דער **בעל שם** האט אמאל געזאגט א ווערטל, 'היו מחייכין בעולם האצילות'".

פשט איז, בשעת א מענטש איז דבוק צום אויבערשטן, איז אין די ווערטל אליין האט ער אינזין יחודים. אז א מענטש איז פרייליך, מאכט ער 'המתקת הדינים'; נאר ווען? אז עס איז בקדושה, אז נישט איז "**וּלְשִׂמְחָה מַה זֹּה עֹשָׂה**"[נ].

אין דער זאך דארף מען כסדר עוסק זיין.

## דער שורש פון רוב גייסטיש-קראנקע

מען דארף עוסק זיין אין נאך א חלק, אין די שורשים. דער **רבי** זאגט[נא]: "**שֶׁבַע מַחֲלְפוֹת רֹאשׁוֹ**"[נב]; עס איז דא זיבן מידות, און לויט ווי די מידות איז - אזוי לויפן די מחשבות; אז א מענטש איז א בעל גאוה'ניק, האט ער כסדר מחשבות פון גאוה; א בעל תאוה'ניק האט כסדר מחשבות פון תאוה; א בעל קנאה האט כסדר מחשבות פון קנאה, און אזוי כסדר. אט דאס איז דער "שבע מחלפות ראשו", לויט ווי די מידות איז, אזעלכע מחשבות גייט אים איבער אין מח.

---

**מט.** עיין חיי מוהר"ן אות תצ"ה: וכבר סיפר שהבעש"ט ז"ל אמר פעם אחת ווערטל, והיו מחייכין בעולם האצילות. היינו שהביא שמחה גם בעולם האצילות, עד שגם שם היו מחייכין על ידי הווערטל שלו.

**נ.** קהלת ב, ב.

**נא.** ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ט בסופו, וזל"ש: **המחשבה שבמח הוא כפי המידות שבאדם**, וכפי המידה שהאדם אוחז בה, כן חולפין ועוברין עליו המחשבות שבמח. וזה: **'שבע מחלפות ראשו'**, לשון חלף ועבר כנ"ל, ע"כ, עייעו"ש.

**נב.** שופטים טז, יט.

דערפאר, אמאל איז טאקע דא געוויסע נקודות אין מחשבה אין וואס א מענטש איז שטארק געשלאגן, דארף ער עוסק זיין אין די שורשים פון דעם.

איך האב אמאל געזאגט, עס ווערט געבראכט[נג]: **"מהספדו של אדם ניכר אם הוא בן העולם הבא"** - אזוי שטייט; ווען מען איז מספיד א מענטש, קען מען דערקענען פון דעם הספד פון די מספידים צו דער מענטש איז טאקע א 'בן עולם הבא' צו נישט.

האב איך געהערט אמאל א ווארט אויף דעם. אין יעדן מענטשן איז דא עפעס א הספד וואס ער קלאגט אויף א זאך; ווען א מענטש איז א בעל גאוה, קלאגט ער אויף גאוה, כסדר בענקט ער, כסדר איז ער מספיד, 'איך האב נישט דעם כבוד וואס איך וויל, מען איז מיך נישט מכבד ריכטיג'[נד].

---

**נג.** גמ' שבת קנג.

**נד.** עיין ספר דורשי יהודך (פסח ח"א מאמר ט') וז"ל מורינו שליט"א: איך האב אבער געהערט א מורא'דיג ווארט: **'מהספדו של אדם'**; אין יעדן מענטשן איז דא א 'הספד', נאר איינער רעדט ארויס דעם הספד מיטן מויל, און איינער רעדט עס נישט ארויס, אבער יעדער מענטש קלאגט עפעס אינעווייניג, נאר עס ווענדט זיך אויף 'וואס' מען קלאגט; עס איז דא איינער וואס ער קלאגט, 'אוי, איך האב נישט גענוג כבוד!' 'אוי, איך האב נישט גענוג כבוד!'.
דו ביסט דאך א 'ילוד אשה', דו ביסט דאך סוף-כל-סוף 'עפר ואפר' - און ער קלאגט אז ער האט נישט גענוג כבוד, מען איז אים נישט מכבד, איינער גיט אים נישט אפ זיין כבוד - אויף דעם וויינט ער אפ זיינע יארן... רחמנא ליצלן.
נאכדעם איז דא איינער וואס וויינט, ווייל עס פעלט אים א תאוה, ער האט נישט די תאוה וואס ער וויל, ער האט נישט גענוג 'גיהנום'... עס פעלט אים 'גיהנום', ער האט נאך נישט די ריכטיגע גיהנום וואס ער וויל האבן, רחמנא ליצלן! ער וויינט, ער וויינט! באהאלטענערהייט וויינט ער ווייל ער האט נישט די תאוות וואס ער דארף.
איינער וויינט ווייל ער האט א 'רע עין', ער פארגינט נישט יענעם, פאר דעם גיט ער אוועק זיינע יארן און זיינע טעג, ער פארגינט נישט יענעם, יענער האט מער 'געלט', יענער האט מער 'כבוד' צו איך ווייס וואס - ער פארגינט נישט יענעם.
אויף דעם טראכסטו? אויף דעם גיבסטו אוועק דיין הייליגער מח? אויף דעם גיבסטו אוועק דיין 'קודש הקדשים'? דאס טראכסטו? וועגן א מידה רעה?!
מען זעט א וואונדער, דער רבי זאגט, די ע' מידות רעות זענען אנטקעגן די ע' פנים לתורה. א 'פנים לתורה' איז דאך א 'נועם עליון' וואס מען קען דרש'נען 'שיתא אלפין שנין' אפילו

**רבי נחום טשערנאבלער** האט נאכגעזאגט פון **בעל שם טוב**: **"רוב משוגעים נעשים מפני גאוה"**. ואמר בזה הלשון: **"זיי האבן זייער גיאות נישט געקענט אויספירן, ועל ידי זה נשתגעו!"** [נה].

מען זעט, עס זענען דא גאר אסאך משוגעים וועלכע רעדן זיך איין אז זיי זענען 'משיח', זיי זענען 'אליהו הנביא'... דער 'תוך תוכיות שבו' איז אַן ענין פון גאוה.

עס איז דא אמאל וואס דער גאוה יתירה פטר'ט פשוט אוועק דעם מענטש, עס לאזט אים נישט לעבן, עס נעמט אים צו די רוחניות מיט די גשמיות, כסדר דאגה'ט ער אויף דעם - און ער קומט נישט צו צו דעם, ביז דאס הרג'עט אים אוועק.

על כל פנים, אויב דאס איז זיין הספד, פון דעם דערקענט מען צו ער האט עולם הבא אדער נישט, ווייל אויב איז ער פאר'דאגה'ט מיט קנאה און מיט גאוה, דאן איז ער נישט קיין בן עולם הבא ח"ו.

---

נאר אויף איין 'פנים של תורה'; עס איז עפעס א קלייניקייט - א שַיין פון תורה?! און דא קומט א 'רע עין', א מידה רעה, א גאוה, א תאוה, און דאס פארשטעלט - עס פארשטעלט דעם 'פנים של תורה'! - און אויף דעם קלאגט מען...

אבער אַן אנדערער איז דא וואס ער קלאגט, **"געוואלד און געשריגן, איך בין דא אויף דער וועלט, ווילאנג וועל איך זיך דא דרייען? ווילאנג וועל איך דען דא זיין?!"**

**"וואס הייסט, איך וועל דא זיין אויף דער וועלט און נישט קלאר ווערן בכל התורה כולה?! עס זאל זיין א שטיקל גמרא און רש"י וואס איך זאל נישט וויסן אויף דעם דער פשט? ווי קען זיין אזוי?!"**

ער וויינט, ער וויינט, 'איך וויל קענען די תורה הקדושה, געוואלד! געוואלד! געוואלד! איך וויל כפיית היצר! איך וויל נישט מורד זיין במלכות שמים!' - ער האט א הספד - ער וויל נישט מורד זיין במלכות שמים, איך וויל נישט דערצערענען דעם אויבערשטן!

**נה.** עיין אמרי פינחס שער א' אות קס"ו: אמר רבי נחום בשם הבעש"ט, שרוב משוגעים נעשים מחמת גאוה שהיו גדלנים גדולים ופ"א שלא יכלו לגמור גאוותם, זייער גדלות אויספירן, עי"ז נשתגעו, ואמר הוא נ"י שסיפר זה בפני הרב ושאלהו אם שמע בעצמו מר' נחום ואמר הן והיה יקר מאד אצלו דבר זה.

### זיך הרג'ענען צו לעבן...

עס איז דא א שארפער ווארט אויף דער גמרא אין **מסכת תמיד**[נו]. די גמרא זאגט: "**מה יעביד אינש ויחיה?**" - וואס זאל א מענטש טון ער זאל לעבן? - דאס האט אלכסנדר מוקדון געפרעגט פון די חכמי ישראל. האבן אים די חכמי ישראל געענטפערט: "**ימית את עצמו**" - אז מען וויל לעבן, זאל ער זיך הרג'ענען פאר זיין לעבן.

וואס איז דער פשט? זאגט רש"י, "ימית את עצמו" - "**ישפיל את עצמו**". די ראשונים זאגן: "**ימית תאוותו**" - אז ער וועט הרג'ענען זיינע תאוות, וועט ער לעבן.

איך האב געהערט אמאל פון א גדול בישראל א געדאנק. ער זאגט, אמאל האט א מענטש א שווערן הרגש, דער איז געווארן א גרויסער ראש ישיבה, דער איז געווארן א רב אין א שטאט, דער איז געווארן גאר א גרויסער מיליאנער, דער א גרויסער מנהל אין א ישיבה, און ער איז יענעם מקנא, ער טראגט עס נישט אריבער. עס זענען דא פארשידענע פגעי הנפש מצד כבוד וואס לאזט אים ממש נישט לעבן.

זאגט ער, "מה יעביד אינש ויחיה? ימית את עצמו!" - הרג'ע אוועק דעם רגש וואס וויל דיך אוועק'הרג'ענען, הרג'ע דאס, וועסטו קענען לעבן א לעבן.

ביי דעם 'עמוד היומי' (בספה"ק ליקוטי מוהר"ן) אין **תורה מ"ט**[נז], זאגט דער רבי, דוד המלך האט געמאכט א 'חלל הפנוי' ביי זיך. אמאל איז דא א 'ריבוי אור' וואס איז אביסל צופיל מוגזם, דארף מען מאכן א 'חלל הפנוי', נעם עס אוועק. און אזוי אויך, אויב עס איז א תאוה פון מחשבות זרות וואס מאכט א תוהו ובוהו - נעם עס אוועק[נח].

---

**נו.** דף לב ע"א.

**נז.** עיין שם אות א': לפי אור להביות הלב של איש הישראלי, אי אפשר להתגלות מהמידות. כי אור להביותו, הוא עד אין סוף, היינו אין סוף ואין תכלית לתשוקתו. וצריך לצמצם ההתלהבות, כדי שישאר בלב חלל, כמו שכתוב (תהלים ק"ט): "**ולבי חלל בקרבי**".

**נח.** עיין שם בהמשך אות ד': כשחושב מחשבות רעות ח"ו, אזי הוא מקלקל החלל שבלב,

הויב אָן דאווענען, לערנען, בענקען צום אויבערשטן בהדרגה, פיל אָן דיין גוף און דיין הארץ און דיין מח מיט תורה, מיט תפילה, מיט גוטע מידות, מיט עין טובה, מיט שבירת התאוות, פיל עס אָן, דאן ווערט נתגלה א ריכטיגער מלכות שמים, דעמאלס ביסטו אַן אמת'ער 'בן אדם' - אַן אמת'ער מענטש, "**כי זה כל האדם**".

## שטארקער ווי א ביקס

על כל פנים, למעשה, איך געדענק ביי אונזערע לייט, אז מען איז אריינגעקומען ביי אונז אין שול חודש אלול, דער עולם האט געזאגט און געזאגט, מען האט געזאגט 'תיקוני זוהר'[נט], תנ"ך[ס], תהלים[סא], יעדן טאג. מען האט אזויפיל געזאגט און געזאגט נאכאמאל און נאכאמאל אָן קיין שיעור. מען האט געזאגט ביי אונזערע לייט דעם גאנצן 'ליקוטי מוהר"ן'[סב], גאנץ 'ליקוטי תפילות', מיט אלע דעם רבי'נס ספרים.

---

שהוא סוד **חלל הפנוי**, ואזי הוא מטמטם החלל שבלב, בבחינת ערלת לב וכנ"ל. וזהו בחינת קלקול הבריאה, שהיה על ידי החכמה שבלב כנ"ל. וכל עיקר העבודה שצריכין לצמצום הנ"ל, ולחשוב מחשבות טובות, כדי לזכות למעשים טובים ומידות טובות, כל זה הוא בשביל **לגלות מלכותו יתברך**, שבשביל זה היה עיקר הבריאה.

**נט.** עיין שיחות הר"ן אות קכ"ז: פעם אחד היה מדבר מענין אלול. ואמר: שמה שנוהגין לומר "תיקונים" באלול, שהניגון של התיקונים, וגם מהחלישות הלב שיש לכל אחד אז מחמת שכל אחד מתאחר אז בבית המדרש יותר מרגילותו, מכל זה נעשה דברים עליונים ותיקונים גדולים למעלה.

**ס.** עיין שיחות הר"ן אות רנ"א: בימי אלול ועשרת ימי תשובה וימים נוראים עד הושענא רבא צוה לכמה אנשים לומר אז כל ספרי תנ"ך מתחילתם ועד סופם. וגם הוא בעצמו נהג כך כמה פעמים. גם היה גומר כמה ספרים בימים הללו, ואיני זוכר לבארם היטב.

**סא.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ג: וזה שאנו רואין, שבימי תשובה, דהיינו באלול ועשרת ימי תשובה, כל ישראל עוסקין אז באמירת תהלים, כי אמירת תהלים מסוגל לתשובה כנ"ל.

**סב.** עיין כוכבי אור - ערך 'אנשי מוהר"ן' אות כ"ו-כ"ז: אמר (הרה"ק מוהרנ"ת זצ"ל), אמירת ספרי אדמו"ר ז"ל שהם הליקוטי מוהר"ן וספר המידות והסיפורי מעשיות והשיחות שלו, **האמירה לבד מסוגלת להנשמה** כמו אמירת ספרי הזוהר והתיקונים. עוד אמר, שגם **בימי אלול** הקדושים מצוה לאמרם מתחילתם ועד סופם ומועיל מאד מאד.

אז עס איז אריבער א שטיק צייט, וואס איז געווארן דורכדעם? מען איז אנגעקומען אזוי אויסגעוואשן ראש השנה, אזוי אויסגעוואשן, מיט אזא מין מח, הפלא ופלא!

דיבור! דער **רבי** רעדט אזויפיל וועגן 'דיבור' - רעד און רעד![סג]

דער **רבי** זאגט[סד]: **"דער דיבור האט א כח צו פארשפרעכן א ביקס זאל נישט שיסן!"** אט דאס איז דער כח הדיבור!

עס האט א גרעסערן כח ווי א ביקס!

עס פארמאגט געוואלדיגע כוחות!

נישט אפלאזן דעם דיבור הקדוש!

מען דארף כסדר האבן אנגעגרייט ביי זיך א קאפיטל תהלים, א ספר, א סעיף אין משנה ברורה, א שיחה, א ווארט (וכדו'), עס איז דא היינט דעם רבי'נס ספרים.

רבי **אברהם ר' נחמן'ס** זאגט[סה]; דער **רבי** זאגט אין **חיי מוהר"ן**[סו]: **"אני נהר המטהר מכל הכתמים"**. זאגט ער, יעדעס שטיקל ליקוטי מוהר"ן, [בפרט היינט אז עס איז דא דער 'עמוד היומי'], אז מען גייט עס דורך איינמאל, צוויי-מאל צו דריי-מאל, באמירה בעלמא, מען כאפט אריין אפאר שורות, דאס איז א רפואת הנפש! דעם רבי'נס מח גייט אריין אין מיין קאפ!

אז דער אויבערשטער העלפט, איז ממש, אמאל כאפט ער ארויס פון איין שורה וואס ער האט היינט געלערנט, פונקט דאס וואס ער דארף. דער **בעל שם** זאגט[סז], אז א מענטש לערנט א שיעור קבוע,

---

**סג.** עיין ליקוט נרחב על זה בספר אוצר היראה - ערך 'דיבור'.

**סד.** חיי מוהר"ן אות תל"ח.

**סה.** עיין לעיל הערה ס"ב.

**סו.** אות של"ב.

**סז.** עיין צוואת הריב"ש: מכח התורה שלמד היום ואחר כך באותו יום מזדמן לו דבר לעשות, ואינו יודע אם לעשות אם לאו, יוכל להבין מכח אותו ענין שלמד, איך יעשה, ובלבד שיהא

זעט ער ווי ער באקומט פונקט די עצות וואס ער דארף פאר דעם היינטיגן טאג.

## 'מיין' וועלט!

על כל פנים, מען דארף וויסן, אונזער תיקון איז נישט נאר סתם אז אונזער מוח זאל זיין מתוקן, נאר מיר זענען עוסק אין דער תיקון פון אלע עולמות! א מענטש איז כלול פון אלע עולמות![סח] יעדער מענטש קען זאגן: **"כל העולם לא נברא אלא בשבילי"**[סט].

עס שטייט מפורש אין **אבות דרבי נתן**[ע]: יעדער מענטש איז גרויס ככל הבריאה כולה! שטעלט אייך פאר, מען גיט איבער א מענטשן 'כל הבריאה כולה'! אז ער נעמט דער בריאה וואס דער בורא עולם האט אים געגעבן און ער גיט עס צו דער סטרא אחרא, ווערט 'כליון ואבדון'.

יעדער מענטש איז גרויס, עס איז מיין וועלט, מיין עולם, מיין מח, מיין דיבור!

די עצה איז טאקע - **'דיבור'**!

מיר געפינען זיך אין א דור המבול, מען דארף זיך אסאך דן זיין לכף זכות, דער יצר אויף מחשבות איז איום ונורא. דעריבער דארף מען אסאך טראכטן אין תורה, און מען דארף לערנען כדי מען זאל האבן וואס צו טראכטן, מען דארף אפלערנען אַן עמוד גמרא און עס

---

תמיד דבוק בהשם יתברך אז יזמין לו השם יתברך תמיד שידע מכח התורה.

**סח.** עיין ליקוטי הלכות הל' קרחה ה"ג, אות ג': כל אחד מישראל יש לו כח להחזיר כל העולם בתשובה כנ"ל ולקשר ולהעלות כל העולמות לה' יתברך, כי הוא כלול מכל העולמות, כי נשמתו מן העליונים וגופו מן התחתונים, כמו שארז"ל.

**סט.** סנהדרין ל"ז ע"א. גם עיין בליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז, אות י', מש"ש בזה"ל: כי חייב כל אדם לומר בשבילי נברא העולם, **ואפילו הפחות שבישראל** נברא שיהיה לו חלק בהתגלות מלכותו יתברך לכל באי עולם.

**ע.** פרק ל"א ה"ג.

גוט איינ'חזר'ן, אדער נעמען א גרויסן תוספות צו עטליכע תוספות'ער און זיך דאס גוט איינ'חזר'ן כדי מען זאל האבן וואס צו טראכטן. מען דארף זיך גוט איינ'חזר'ן אַן עמוד גמרא צו א בלאט גמרא כדי מען זאל האבן א גאנצע נאכט וואס צו טראכטן, וואס דורכדעם איז מען דבוק אין דעם אויבערשטן, מען איז ממש דבוק אין אויבערשטן.

עס שטייט פון **בעל שם טוב**[עא]; **"אל יפטור אדם מחבירו אלא מתוך דבר הלכה, שמתוך כך זוכרהו"**[עב]. זאגט דער בעל שם: "חבירו" דאס איז דער אויבערשטער; א מענטש דארף כסדר זיין דבוק אין אויבערשטן. ווען קען נישט א מענטש זיין דבוק אין אויבערשטן? "מתוך דבר הלכה" (מרוב טירוד בלימודו). אבער עם כל זה, זיי דבוק אין דברי תורה, "שמתוך כך זוכרהו" - דורכדעם געדענקסטו און דו ביסט דבוק אין דעם אויבערשטן.

אז א מענטש איז דבוק אין א תוספות, ער איז דבוק אין הוייות דאביי ורבא, איז ער דבוק אין אויבערשטן, ער איז א מרכבה צו דער קדושה.

ברוך השם, מיר האבן דעם רבי'נס ספרים, מיר האבן דעם ליקוטי מוהר"ן, די הייליגע ליקוטי תפילות (וכו').

## מיט דער עצם אמונה אליין

די עצם אמונה אין דעם רבי'ן איז אזוי גרויס, דאס אליין איז שוין א געוואלדיגער תיקון הנפש[עג].

---

**עא.** מובא בספר תולדות יצחק (נעשכיז), בליקוטים בסו"ס, וזל"ש: לא יפטר אדם מחבירו אלא מתוך דבר הלכה שמתוך כך זוכרו (עירובין סד.). אמר מרן **הבעל שם טוב** זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע, מחבירו לשון מחיבורו. ורצה לומר הדביקות בה' יתברך, שאין לאדם רשות להיפטר מדביקות התדירי בו יתברך, אלא בעת שעוסק בדבר הלכה. הגם שעל ידי עומק העיון בלימודו הוא נפרד מדביקותו, אלא כיון שמתוך כך זוכרו. רצה לומר על ידי ההלכה נמי זוכרו לה' יתברך, כי בתורה הקדושה מלובש רצון הבורא יתברך, וקוב"ה ואורייתא כולהו חד (זח"ג עג.), ואין זה פירוד אלא דביקות גמורה, ע"כ ודפח"ח.

**עב.** ברכות ל"א ע"א.

**עג.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קכ"ט, וזל"ש (מליקוטי עצות): האמונה לבדה שמאמין בהצדיק

דער רבי זאגט אין **ליקוטי מוהר"ן**[עד]: יעדער צדיק איז אזוי דבוק אין אויבערשטן, אז מיט יעדעס רעד, מיט יעדן קוק, זענען זיי מכוון אזעלכע הויכע עבודות, אזעלכע הויכע זאכן, ווייל כל ימיהם איז 'בחד קטירא' (- התקשרות אחד להקב"ה), ביים עסן, ביים טרינקען, ביים שלאפן.

און דער רבי זאגט, אפילו אויב ער אליין ווייסט נישט אזוי ווי דעם צדיק, אבער ער גלויבט אין דעם צדיק אז אלץ וואס ער טוט איז 'לאנהורי שכינתא' - צו מאכן ליכטיג דער שכינה הקדושה, און אז "**אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ**", און אז "**כִּי לַה' הַמְּלוּכָה**", און אז אלץ וואס ער טוט 'כל ימיו' איז נאר 'למען זה', מיט דעם אליין איז "**וַחֲמַת הַמֶּלֶךְ שָׁכָכָה**", איז מען ממתיק דינים[עה].

---

ומקרב עצמו אליו, אפילו אם לא יקבל ממנו כלל, זה בעצמו טוב מאד. כי על ידי האמונה וההתקרבות לבד נאכל הרע שלו ונתהפך למהות הצדיק. ובלבד שיהיה כונתו לשמים.

**עד.** סי' מ"ב, וזל"ש (מליקוטי עצות): על־ידי אמונת חכמים, **שמאמין שכל דבריהם ומעשיהם אינו פשוט, ויש בהם רזין**, על־ידי־זה מלביש הקשת בלבושין דנהירין כנ"ל, ונמתקין הדינים. כי הצדיק הוא בחינת קשת, כמו שאמר רשב"י לרבי יהושע בן לוי הנראה קשת בימיך וכו' (כתובות ע"ז; ובזוהר הקדוש הנ"ל), שהצדיק מאיר בכל מעשיו להשכינה, ומפשיט לבושי קדרות הפשוטים ממנה לקשטה בלבושין דגונין נהירין דרזין דאורייתא, דאור תורה רז אתקרי, ועל־ידי־זה: וראיתיה לזכור ברית עולם, וסליק מיניה רוגזא דבריה, **"וחמת המלך שככה"** (אסתר ז, י), **ונמתקין הדינים.**

**עה.** ועיין מש"כ על זה מוהרנ"ת בליקוטי הלכות הל' חזקת קרקעות ה"ה, אות ט': **ועל כן נוסעין לצדיקים על ראש השנה**, כי עקר תיקון זה נמשך על ידי אמונת חכמים, **על ידי שמאמין שהם מלאים רזין בכל תנועותיהם ומעשיהם ודיבוריהם שזה צריכין ביותר בראש השנה** שאז נברא האדם שעיקרו נברא בשביל זה, כדי שהוא יפרסם ויודיע אלקותו על ידי שישיג ויכוון נפלאות נוראות רזי חכמתו יתברך שבכל הבריאה בכלליו ובפרטיו, ושהכל נברא בשבילו כדי שהוא יתנהג בכל דבר כפי הצריך לתיקונו כפי הרזין והסודות שיש בכל דבר, אבל אין זוכה לזה כי אם הצדיק האמת, ואנחנו צריכין להתקרב להם ולהאמין בהם ולהתנהג בכל מעשינו כפי אשר הם מצוים אותנו, כמו שכתוב: "לא תסור מן הדבר וכו'".

## דאס נײַנציג יעריגער פרישער איד'ל

כ'האב דערציילט דעם שבת א מעשה[עו]. דער **קאמארנער'ס** זון אויף דער עלטער איז אים איינגעפאלן צו מאכן א ביאור אויף זוהר. עס איז טאקע דא פון אים א ביאור ("זוהר חי") פון פינעף דיקע כרכים מיט זייער קליינע ווערטער, וואס דאס צו שרייבן געדויערט אליין יארן יארן, ווער רעדט נאך צו מחדש זיין אויף גאנץ זוהר.

זאגט ער, אויף דער עלטער האט ער אנגעהויבן צו מאכן דעם ביאור, און אויף דער ערשטער פרשה פון בראשית האט ער געשריבן און געשריבן און געשריבן. האט ער געטראכט: "איך בין דאך שוין אַן אלטער איד, ווען וועל איך עס קענען ענדיגן?!". האט ער געקלערט אויפצוהערן מאכן דעם ביאור, ווייל צו מאכן א ביאור און נישט ענדיגן האט נישט קיין פשט.

דער **רבי** זאגט דאך[עז], דער אויבערשטער שיקט כסדר רמזים, וואס אז מען לייגט נאר צו קאפ זעט מען ברור אז דאס איז די כוונה. זאגט ער, ווי נאר ער האט געהאט די מחשבה, האט ער באגעגנט אַן אלטער איד פון נײַנציג יאר ווי ער דרייט זיך ארום פרייליך און פריש, פלינק און לעבעדיג. האט ער געזאגט: "אויב נאכדעם וואס איך האב געהאט די מחשבה האט דער אויבערשטער מיר געוויזן אזא זאך, איז א סימן אז איך וועל מאריך ימים זיין און ענדיגן דעם ביאור!".

טאקע דורך זיין אמונה, איז נישט נאר ער האט געלעבט לאנג, נאר מען האט אים מזכה געווען צו מאכן פינף כרכים אויפן

---

**עו.** עיין הקדמת ספה"ק זוהר חי על זוה"ק.

**עז.** ליקוטי מוהר"ן תורה נ"ד, אות ב': כל יום יש בו מחשבה דיבור ומעשה, והקדוש ברוך הוא מצמצם אלקותו מאין סוף עד אין תכלית. עד נקודת המרכז של עולם הגשמי שעומד עליו, ומזמין לו לכל אדם מחשבה דיבור ומעשה, לפי היום ולפי האדם ולפי המקום. ומלביש לו בזאת המחשבה דיבור ומעשה שמזמין לו רמזים כדי לקרבו לעבודתו. בכן צריך להעמיק מחשבתו בזה, ולהגדיל בינתו, ולהבין מהו הרמיזות בפרטיות, שמלובש בזאת המחשבה דיבור ומעשה של זה היום, שהזמין לו השם יתברך. הן מלאכה או משא ומתן, וכל מה שמזמין לו השם יתברך בכל יום, צריך להעמיק ולהגדיל מחשבתו בזה, כדי להבין רמיזותיו של השם יתברך.

זוהר. דאס איז ער צוגעקומען נאר מיט אמונה; אמונה איז דביקות[עח].

## נישט געלאזט צורירן די פּאַנטאָפל

(אמאל האט איינער פון די צדיקים געטראפן אַן אלטער איד פריש און געזונט)
האט ער אים געפרעגט, **"מהיכן זכית לכך?"** - ווי האסטו זוכה געווען צו לעבן אזא לאנגע געזונטע לעבן? האט ער אים געזאגט, אלס בחור צו אלס אינגערמאן איז ער געווען ביים בעל שם.

איינמאל האט ער געזען ווי דער משמש האט אויסגעקערט דער שטוב און ער האט גענומען דעם בעל שם'ס פּאַנטאָפל (- נעלי בית) וואס דער בעל שם אליין האט עס אוועקגעלייגט אין א געוויסן ווינקל, און יענער האט עס אוועקגעלייגט אין א צווייטן ווינקל.

האב איך אים געזאגט: "אז דער בעל שם האט עס דא געלייגט, לייגסטו עס אויף אַן אנדער פלאץ?! דו ווייסט נישט אז וואס דער בעל שם טוט האט ער אינזין גרויסע כוונות?! וואס איז דאס מיט דיר?! דער בעל שם האט געהאט א כונה אז ער האט עס געלייגט דא!".

ווי דער **בעל שם** האט דאס געהערט, איז ער אריינגעקומען, און ער האט געזאגט: **"לאנג לעבן זאלסטו!"**. האב איך אים געזאגט: "אז איך וועל האבן א לאנג לעבן, קען עס זיין א קראנקער לעבן, אפליגן אין בעט, מיט צרות, איז דאס יענער לעבן..." האט ער מיר געזאגט: **"איך זאגן דיר צו א געזונטע שטארקע לעבן פונקט ווי דו ביסט ערשט!"**, איז עס מקויים געווארן.

## להמליכו מתוך ההעלמה דייקא

טאקע ראש השנה איז דווקא **"בכסה"**. אלע ימים טובים זענען במילוי הלבנה, אבער ראש השנה איז בכסה, **"ביום שהלבנה**

---

**עח.** כמובא הרבה בספרי הבעש"ט.

**מתכסה"**[עט]. מען דארף ממליך זיין דעם אויבערשטן מתוך ההעלמה, מען זאל זאגן מתוך ההעלמה: **"רבונו של עולם, איך גלויב אין דיר, איך האלט זיך מיט דיר!"**.

וואס מער די העלמה איז שטארקער, אז מען טראכט גוטע מחשבות מתוך ההעלמה, ווערט דערפון תיקונים אין אלע עולמות!

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן, מען זאל זוכה זיין צו מקבל זיין דעם ראש השנה הבא עלינו לטובה וואס איז נאך קיינמאל נאכנישט געקומען[פ], דאס איז איין מאל אין דער בריאה[פא], ביי יעדן איינעם מיט זיינע תיקונים, מיט זיין המלָכה, מיט זיין דאווענען, מיט זיין זיך צוגרייטן ביז ראש השנה, דאס איז כולל 'כל העולם כולו'.

בפרט ווען מען פארט צום הייליגן רבי'ן, וואס דער רבי מאכט יעדן ראש השנה תיקונים נפלאים[פב], מען גיט איבער דער עבודה פאר'ן רבי'ן און דער רבי טראגט עס ארויף אין די העכסטע פלעצער אויף דער וועלט!

**אשרינו מה טוב חלקנו!**

מען זאל זוכה זיין צו א גוט יאר, און גוטע יארן, 'לנו ולכל ישראל'.

---

**עט.** גמ' ראש השנה דף ח' ע"א.

**פ.** עיין תולדות יעקב יוסף פר' צו: שמעתי בשם מורי פירוש הפסוק (תהלים פ"א) "תקעו בחודש שופר וגו' כי חק לישראל הוא משפט לאלקי יעקב". והקשה דהוי לו לומר תקעו שופר בחודש, והעולה מדבריו, כי יראה האדם שיהיה **בחודש** ר"ל **לחודש**, שלא יהיה כמו חק קבוע. וזהו שאמר כי חק לישראל וכו' ודפח"ח. [ובמקור מים חיים מבאר: נראה שכוונתו לבאר על פי זה לשון הכתוב "כי חק לישראל", מה שמחזיקים לחק ולדבר שנתיישן וקבוע, זהו עצמו "המשפט לאלהי יעקב", שעל זה הוא המשפט למה מחזיקים זה לחק, הלא צריך לעשות מאהבה, להרגיש טעם חדש בכל פעם ופעם].

**פא.** עיין ליקוטי הלכות הל מתנה ה"ה, אות ג': בכל ראש השנה חוזר ונעשה מה שהיה בתחילת הבריאה, כמבואר בכתבי האריז"ל, אבל בודאי **בכל ראש השנה נעשה חדשות לגמרי**, רק שהוא מעין שהיה בתחילת הבריאה, אבל בודאי הוא בבחינת התחדשות נפלא. כי זה ידוע **שאין ה' יתברך עושה שתי פעמים דבר אחד**.

**פב.** עיין חיי מוהר"ן אות ת"ו, ועוד.

# יאמץ לבך

עס איז דא א לשון אין חיי מוהר"ן (אות תקס"ה), אז א מענטש שטימט אפ אז ער וועט תמיד שרייען צום אויבערשטן און כסדר תפילה טון – יהיה מה שיהיה – איך לאז זיך נישט אפ פון תפילה, דאס איז תשובה!

דאס איז שוין תשובה!

"קחו עמכם דברים ושובו אל ה'" מען מאכט נישט קיין חשבון!

אינ'אמת'ן, דאס איז דאך טאקע דער ריכטיגער פשט פון **"שובה אלי ואשובה אליכם"**. ווייל וואס איז דער פשט פון "ואשובה אליכם"? אז עס שטייט "שובו אלי" ווערסטו דאך שוין זיין נאנט צום אויבערשטן, וואס איז דער לשון "שובו אלי" און נאכדעם "ואשובה אליכם"?

נאר, דער רבי דרש'נט דאך אפ תילי תילין של הלכות אויף דעם, אז בשעת א מענטש מאכט אפ צו תשובה טון, ווייזט אים דער בעל דבר אויף – 'נע, דו וועסט נישט קענען!' 'דו וועסט נישט קענען!' 'דו וועסט נישט קענען!'

דאס איז "שובו אלי" – דו טו וואס דו קענסט , "ואשובה אליכם" **– ווערסטו זען אז די תשובה וועט דיר ארויסנעמען פון אזעלכע פלאנטערן וואס דו האסט טאקע נישט געקענט – אבער דער כביכול קען**; אז דו ווערסט טון וואס דו קענסט, וועל איך טון וואס איך קען – דאס איז "שובו אלי ואשובה אליכם".

(שיחת הכנה לימי הרחמים והסליחות שנת תשס"ה לפ"ק)